# דעם רבינ'ס ליכט

תולדות תשפ"ג
גליון 118



אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זײַן
וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער רײנער קוואל

**אַ גוטן שַׁבָּת פָּאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער,**

דֶעם שַׁבָּת לֵיינְט מֶען אִין דִי תּוֹרָה וֶועגְן דִי גֶעבּוּרְט פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ. דִי תּוֹרָה זָאגְט אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען אַן אִישׁ תָּם, פַארְקֶערְט פוּן עֵשָׂו וָואס אִיז גֶעוֶוען אִישׁ יוֹדֵעַ צַיִד, זָאגְט רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ אַז עֶר פְלֶעגְט פָּאפְּן דִי מֶענְטְשְׁן אוּן אָפְּנַארְן.

לָאמִיר זֶען וָואס אִיז נוֹגֵעַ צוּ אוּנְז דִי עֲבוֹדָה פוּן יַעֲקֹב וָועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַ תָּם, אוּן זִיךְ זַייעֶר דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דִי וֶועגְן פוּן עֵשָׂו דֶער אִישׁ יוֹדֵעַ צַיִד.




ר' נָתָן אִיז מַסְבִּיר אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם אוּן תָּם, דִי בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אוּן אַלֶע קִינְדֶער קֶענֶען מִן הַסְּתָם דִי מַעֲשֶׂה.

ר' נָתָן אִיז מַסְבִּיר אַזוֹי, דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַזוֹי גוּט דִי אַרְבֶּעט, אוּן זַיין שׁוּךְ אִיז אַרוֹיס מִיט דְרַייעֶקְן... אָבֶּער דֶער תָּם הָאט זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְק בַּארִימְט מִיט דֶעם שׁוּכְלֶע, אַזוֹי ווַייט אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "ווִי הָאנִיקְדִיג אוּן ווִי צוּקֶערְדִיג אִיז דֶער שׁוּכְלֶע ווִי זִיס אִיז דָאס". וֶוען זַיין רֶעבֶּעצִין הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "אוֹיב אִיז דֶער שׁוּךְ אַזוֹי זִיס אוּן שֵׁיין פַארְוָואס נֶעמֶען אַנְדֶערֶע טֵייעֶרֶער פָּאר זַייעֶר שׁוּךְ אוּן דוּ בֶּעטְסְט אַזוֹי וֵוייניג?" הָאט דֶער תָּם גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז יֶענֶעמְס מַעֲשֶׂה, אוּן נָאךְ אַזַאךְ וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע, וָואס הָאבּ אִיךְ פוּן דֶעם?"

זָאגְט ר' נָתָן אַז פוּן דִי מַעֲשֶׂה קֶען מֶען אַרוֹיסְלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען דַארְף גֵיין בִּתְמִימוּת אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען אִיז אַן אָרִימַאן. אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זַייעֶר אָרֶעם אוּן גֶעדְרִיקְט, אֲפִילוּ אוֹיבּ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם דָאס דַאוֶוענֶען אִיז נִישְׁט בִּשְׁלֵמוּת, מֶען אִיז נָאךְ זַייעֶר וַוייט פוּן תַּכְלִית, דַארְף מֶען מִיט-דֶעם-אַלֶעם זַיין שְׁטֶענְדִיג אַ שָׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט וָואס הָאבְּן מֶער עֶסְן אָדֶער קְלֵיידֶער אוּן שְׁפִּילֶעְרַייעֶן א.ד.ג אוּן אֲפִילוּ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, קִינְדֶער וָואס קֶענֶען בֶּעסֶער דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, מֶער פְלַייסִיג אוּן זֶענֶען מֶער בְּשִׂמְחָה, זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף פְרִיעֶר צוּם דַאוֶוענֶען אוּן טוּעֶן דָאס מִיט חֵשֶׁק אוּן אַ בְּרֶען, מַיינֶע חֲבֵרִים פַארְשְׁטֵייעֶן מֶער דָאס לֶערְנֶען אוּן שְׁטֵייגְן מִיר אִיבֶּער טוֹיזְנְטֶער מָאל.

לָאמִיר זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַ אִינְגְל וָואס עֶס גֵייט אִים יֶעדֶע זַאךְ זַייעֶר שְׁוֶוער, קוֹים וָואס עֶר כַאפְּט דָאס לֶערְנֶען, קוֹים וָואס עֶר קֶען אוֹיפְשְׁטֵיין צוּפְרִי צוּם דַאוֶוענֶען, יֶעדֶע מִצְוָה

המשך אויף זייט 7

# אַ טֶענְצְל אִין רוּסִישֶׁע תְּפִיסָה

מִיר הָאבְּן פָּארִיגֶע וָואךְ גֶעשְׁרִיבְּן וֶועגן ר' חַיִּים בִּנְיָמִין בְּרָאד אִינֶעם רוּסִישְׁן טוּרְמֶע, וֶועלְן מִיר יֶעצְט שְׁרֵייבְּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי זַיין טָאכְטֶער, רֶעבֶּעצִין גַאלִינְסְקִי - פְּרוֹי פוּן הָרַב ר' יַעֲנְקֶעלֶע - הָאט דָאס פַּארְצֵיילְט.

"אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דַאן צֶען יָאר אַלְט, דָאס אִיז גֶעוֶוען שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען עֶטְלִיכֶע שָׁעָה צוּגֶענָאגְלְט צוּם פֶּענְסְטֶער פוּן רֶבִּי'נְס צִיוּן אוּן גֶעזָאגְט: "הֵיילִיגֶער רֶבִּי, דוּ וֵוייסְט אַז דִי מַאמֶע אִיז קְרַאנְק אוּן שְׁוַואךְ, מַיין טַאטֶע אִיז פַארְכַאפְּט אִין טוּרְמֶע, וָואס וֶועט דָא זַיין?! דוּ ווִילְסְט דָאךְ זִיכֶער אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט גֵיין אַרְבֶּעטְן שַׁבָּת צוּ קֶענֶען שְׁטִילְן אוּנְזֶער הוּנְגֶער מִיט אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט..."

פַּארְצֵיילְט זִי וַוייטֶער: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דָארְט אַלֵיינְס, אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן, אִיךְ זָאל קֶענֶען אַהֵיימְגֵיין אוּן דֶערְצֵיילְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה פַאר יֶעדְן אַז מֶען הָאט בַּאפְרַייט דֶעם טַאטְן. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זִיכֶער אַז דֶער רֶבִּי וֶועט זַיין אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוּן וֶועט הֶעלְפְן. מִיט דִי שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, הָאבּ אִיךְ גֶעוֵויינְט אוּן זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן."

פְּלוּצְלִינְג קוּמֶען צוּ גֵיין עֶטְלִיכֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט צוּם צִיוּן אוּן זָאגְן מִיר: "מֵיידְל, דָא אִיז אַ בֵּית הַקְּבָרוֹת, מֶען גֵייט יֶעצְט דַאוֶונֶען מַעֲרִיב דוּ דַארְפְסְט אַהֵיימְגֵיין. דוּ קֶענְסְט נִישְׁט בְּלַייבְּן דָא, גֵיי אַהֵיים אִין שְׁטוּבּ צוּ דַיין מַאמֶע".

"אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְלָאזְן דֶעם צִיוּן, אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעוָואלְט דַאוֶונֶען אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין וִוי מֶער," אָבֶּער דִי חֲסִידִים לָאזְן נִישְׁט נָאךְ: "הֶער צוּ, גֵיין שׁוֹין אַהֵיים, דוּ ווִילְסְט בְּלַייבְּן דָא בִּיז דִי גוֹיִם וֶועלְן קוּמֶען?!" אִיךְ הָאבּ זֵיי צוּגֶעהֶערְט, אָבֶּער מִיט אֵיין בַּקָּשָׁה, "נָאךְ אַבִּיסְל".



תפיסה אין מאסקעווע

"פַארְוָואס?!" פְּרֶעגְן זֵיי, "ווייל מַיין טַאטֶע אִיז אִין טוּרְמֶע, דִי רוּסִישֶׁע ווִילְן אִים בַּאפְרֵייעֶן אוּן עֶר דַארְף אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן אוֹיף אַ צֶעטְל, אָבֶּער יֶעצְט אִיז דָאךְ שַׁבָּת, עֶר וֶועט נִישְׁט שְׁרֵייבְּן ווילַאנְג עֶס קוּמֶען נִישְׁט אַרוֹיס דְרַיי שְׁטֶערְנְס, וֶוען עֶר וֶועט אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן אוּן זֵיי וֶועלְן אִים בַּאפְרֵייעֶן וֶועל אִיךְ שׁוֹין קֶענֶען פַארְלָאזְן דֶעם צִיוּן אוּן פַארְצֵיילְן דֶער מַאמֶע אִיבֶּער דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה, אַז דֶער טַאטֶע אִיז בַּאפְרַייט.

המשך אויף זייט 4

# איין אמעשה'לע

*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*



## צְוֵויי פָּאר צְווִילִינְגֶען

"מַזָל טוֹב! מַזָל טוֹב!" הָאט מַיין טַאטֶע מִיר אוֹיפְגֶעוועקט אֵיין צוּפְרִי, "מַאמִי הָאט גֶעבּוֹירְן אַ בֶּעיבִּי!"

"אוּהַא, מַזָל טוֹב!" זֶענֶען מִיר אַלֶע אוֹיפְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען.

"און נִישְׁט נָאר אֵיין בֶּעיבִּי, נָאר צְוֵויי!" הָאט מַיין טַאטֶע אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אַ בָּאמְבֶּע... "אַ צְווִילִינְג!"

מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן דָאס גְלִיק, מַיין מַאמֶע הָאט גֶעבּוֹירְן צְוֵויי מֵיידְל בֶּעיבִּיס. בַּיי אוּנְז אִיז עֶס שׁוֹין אַ לַאנְגֶע מַעֲשֶׂה, מִיר זֶענֶען שׁוֹין מִתְפַּלֵל גָאר אַסַאךְ צַייט, אַז אוּנְזֶער מַאמֶע זָאל גֶעבּוֹירְן אַ צְווִילִינְג.

אוּנְזֶער שְׁכֵנָה הָאט אוּנְז גֶעפְרֶעגְט, וִוי אַזוֹי מִיר הָאבְּן עֶס אַזוֹי גוּט גֶעמַאכְט? "לֶערְן אוֹיס מַיינֶע קִינְדֶער וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מִתְפַּלֵל," הָאט זִי אוּנְז גֶעזָאגְט.

"ס'גֵייט נִישְׁט אַזוֹי אִין אֵיין טָאג," הָאבְּן מִיר אִיר גֶעזָאגְט, "מִיר זֶענֶען שׁוֹין מִתְפַּלֵל פַאר צְוֵויי יָאר! מַיין מַאמֶע פְלֶעגְט אוּנְז אַלְץ זָאגְן אַז זִי אִיז נִישְׁט מִתְפַּלֵל פַאר אַ צְווִילִינְג, ווַייל ס'אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ הַאלְטְן צְוֵויי בֶּעיבִּיס, אָבֶּער אוֹיבּ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער ווֶעט אִיר ווֶעלְן גֶעבְּן דִי מַתָּנָה, ווֶעט זִי עֶס נֶעמֶען מִיט בֵּיידֶע הֶענְט.

מִיר הָאבְּן אִיר פַארְשְׁפְּרָאכְן אַז מִיר ווֶעלְן אִיר הֶעלְפְן מִיט אַלֶעס ווָאס מִיר קֶענֶען. ס'אִיז טַאקֶע נִישְׁט קַיין יוֹשֶׁר צוּ מַאכְן תְּפִלּוֹת אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן'ס חֶשְׁבּוֹן. אוּן מִיר הַאלְטְן טַאקֶע ווָארְט. מַיין שְׁוֶועסְטֶער אִיז גֶעווֶען צְוֵויי ווָאכְן אַלֵיינְס אִין שְׁטוּב מִיט מַיין קְלֵיינֶע בְּרוּדֶער אוּן זִיךְ גֶעטְרַיי אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט אִים. אוֹיךְ הֶעלְפְט זִי מַיין מַאמֶע מִיט דִי קִינְדֶער אוּן אַלֶעס ווָאס ס'פֶעלְט זִיךְ אוֹיס. יֶעדֶער בַּיי אוּנְז הָאט אַן אַרְבֶּעט אִין שְׁטוּב ווָאס מִיר טוּעֶן פְלַייסִיג.

אוּן נִישְׁט נָאר מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט אַזַא אַקְצִיֶע פוּן תְּפִלּוֹת, נָאר אוֹיךְ עֶפֶּעס אַ תֵּימֶנְ'עַ מִשְׁפָּחָה. ווֶען מַיין מַאמֶע אִיז גֶעווֶען אִין קִימְפֶּעטָארְן הֵיים הָאט זִי גֶעטְרָאפְן אַ תֵּימֶנְ'עַ פְרוֹי מִיט אַ צְווִילִינְג. אוּן זִי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה.

אִיר בֶּעיבִּי אִיז שׁוֹין גֶעווֶען נַיין יָאר אַלְט אוּן זִי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז זִי זָאל גֶעהָאלְפְן ווֶערְן מִיט נָאךְ קִינְדֶער. אֵיין טָאג הָאט אִיר נַיין יֶערִיגֶער אִינְגֶל גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע נִסָּיוֹן. אַ פֶּעטֶער הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶר אַ טַייעֶרֶע מִילְכִיגֶע טְשָׁאקְלַאד ווָאס אִיז עֶקְסְטֶער גֶעשְׁמַאק, אָבֶּער אֵיין פְּרָאבְּלֶעם הָאט דָאס גֶעהַאט, ס'אִיז גֶעווֶען מִיט אַ שְׁוַואכֶע הֶכְשֵׁר.

עֶר הָאט עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעווָאלְט עֶסְן, אָבֶּער זַיין מַאמֶע הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט. עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן דִי טְשָׁאקְלַאד בַּיים נָאז אוּן אַרַיינְגֶעשְׁמֶעקְט, אוּן בַּיים אָפֶּענֶעם מוֹיל... בְּקִיצוּר, עֶר הָאט נָאר גֶעווָאלְט אַרַיינְבַּייסְן אִין דֶעם. דִי מַאמֶע הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז זִי ווֶעט אִים קוֹיפְן אַנְדֶערֶע טְשָׁאקְלַאדְס, ווִיפִיל עֶר ווִיל, עֶר זָאל נָאר אַוֶועקְוַוארְפְן דִי טְשָׁאקָאלַאד, אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אִים נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט

המשך אויף זייט 4

# דעם רבי'נס מעשיות

המשך פון זייט 2

[ס'אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ בַּאמֶערְקְן אַז ר' חַיִּים בִּנְיָמִין אִיז גֶעוֶוען אִין תְּפִיסָה אִין שְׁטָאט מָאסְקֶעוֶוע, אָבֶער זַיין קְלֵיינֶע טָאכְטֶער הָאט פוּן אוּמַאן גֶעקֶענְט דֶעם טַאטְן אַז עֶר וֶועט בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט שְׁרֵייבְּן אוּם שַׁבָּת, אוּן אַז עֶר וֶועט זִיכֶער בַּאפְרַייט וֶוערְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת]



דִי חֲסִידִים קוּקְן זִיךְ אָן אֵיינֶער דֶעם צְווייטְן אוּן פְרֶעגְן מִיר: "דוּ בִּיסְט הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט זִיכֶער אַז מֶען וֶועט אִים בַּאפְרֵייעֶן?!"

"הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט!" הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁפְּרָאכְן מִיט אַ זִיכֶערְקַייט.

זֵיי פְּרוּבִּירְן מִיר אוֹיס נָאכְאַמָאל אוֹיבּ אִיךְ בִּין זִיכֶער מִיט וָואס אִיךְ זָאג, אוּן אִיךְ מִיט מַיין בִּטָּחוֹן רוּף זִיךְ אָן: "דֶער טַאטֶע וֶועט חַתְמֶ'נֶען מוֹצָאֵי שַׁבָּת אוּן דַאן בַּאפְרַייט וֶוערְן, דֶערִיבֶּער דַארְף אִיךְ נָאךְ אַבִּיסְל מִתְפַּלֵּל זַיין!"

"נָא, אוֹיבּ בִּיסְטוּ אַזוֹי זִיכֶער מִיט דֶעם אַז מֶען וֶועט אִים בַּאפְרֵייעֶן, קֶענְסְטוּ דָא פַארְבְּלַייבְּן," הָאבְּן זֵיי מִיר גֶעזָאגְט.

"אִיךְ הָאבּ גֶעוַוארְט אוֹיף דְרַיי שְׁטֶערְנְס, אִיךְ הָאבּ גֶעדַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, גֶעטוּן אַ קְלֵיין תְּפִלָּה בַּיים צִיּוּן אוּן אִיךְ בִּין גֶעלָאפְן אַהֵיים דֶערְצֵיילְן דִי מַאמֶע דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דֶער טַאטֶע אִיז שׁוֹין בַּאפְרַייט. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שׁוּם סָפֵק אַז נִישְׁט.

אוּן אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן דֶערְצֵיילְט פָּארִיגֶע וָואךְ, אַז טַאקֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאבְּן דִי רוּסִישֶׁע פָּאלִיצַיי אִים בַּאפְרַייט. אוּן דֶער טַאטֶע אִיז אַרִיבֶּער אִין אַ שְׁטוּבּ פוּן אֵיינֶער מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ שִׁיקְן אַ טֶעלֶעגְרַאם קַיין אוּמַאן וֶועגְן זַיין בַּאפְרַייאוּנְג.

# איין מעשה'לע

המשך פון זייט 3

צוּ מוּטְשֶׁען אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ דִי טְשָׁאקְלַאד וָואס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען דָאס גְלִיק.

אִינְמִיטְן הָאט דִי מַאמֶע זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ רוּף אָן, "וַוארְף אַוֶועק דִי טְשָׁאקְלַאד אוּן זַיי מִתְפַּלֵּל, אַז אִין דֶעם זְכוּת זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן, אַז מִיר זָאלְן גֶעבּוֹירְן אַ צְווילִינְג!" אוּן דָאס אִינְגְל הָאט טַאקֶע עוֹמֵד בְּנִסָּיוֹן גֶעוֶוען, אוּן הֵייס מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז עֶר זָאל בְּקָרוֹב בַּאקוּמֶען צְווֵיי גֶעשְׁוִויסְטֶער. אוּן טַאקֶע, אִין וֵוייניגֶער פוּן אַ יָאר הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעשָׁאנְקֶן פַאר דִי עֶלְטֶערְן אַ צְווילִינְג!

טַייעֶר קִינְדֶערְלֶעךְ, שַׁאצְט נִישְׁט אוּנְטֶער עֶנְקֶערֶע כּוֹחוֹת. עֶנְק שְׁטֵייעֶן פַאר אַ נִסָּיוֹן, אָדֶער עֶנְק ווִילְן עֶפֶּעס גָאר שְׁטַארְק, זַייטְס מִתְפַּלֵּל, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף עֶנְק!

# חַייקְל דֶער חַזָן

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט פַּאסְטְן אַסַאךְ תַּעֲנִיתִים. אָבֶּער עֶר הָאט דָאס זֵייעֶר בַּאהַאלְטְן אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דֶערְוִויסְן דֶערְפוּן, אֲפִילוּ זַיינֶע גָאר נָאנְטֶע אוּן זַיין חָשׁוּבֶ׳ע רֶעבֶּעצִין הָאבְן אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוְואוּסְט דֶערְפוּן. דֶער אֵיינְצִיגֶער וָואס הָאט יָא מִיטְגֶעהַאלְטְן אִיז גֶעוֶוען דֶער מְשָׁרֵת פוּן רֶבִּי׳ן – וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען גַאנְץ אַ פָּשׁוּטֶ׳ער אִיד, אִים הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אָנְגֶעוָוארְנְט עֶר זָאל פַאר קֵיינֶעם אִין דֶער וֶועלְט נִישְׁט מְגַלֶּה זַיין אוּן פַארְצֵיילְן וֶועגְן דִי תַּעֲנִיתִים.

אַנְשְׁטָאט דֶער רֶבִּי זָאל אוֹיפְעֶסְן וָואס דִי רֶעבֶּעצִין הָאט גֶעקָאכְט פַאר׳ן רֶבִּי׳ן, הָאט עֶס דֶער מְשָׁרֵת אוֹיפְגֶעגֶעסְן!

עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט עֶטְלִיכֶע מָאל וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן זַיינֶע תַּעֲנִיתִים אוּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס תַּלְמִיד ר׳ חַייקְל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען, הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז אִין זֵייעֶר אַ שְׁוַואכְן צוּשְׁטַאנְד, הָאט עֶר זִיךְ דֶערְוְואוּסְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן סוֹד אַז דֶער רֶבִּי פְּרַאוֶועט תַּעֲנִיתִים. פוּן גְרוֹיס צֶעמִישֶׁענִישׁ הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם רֶבִּי׳ן: "אוֹיב דֶער רֶבִּי וֶועט נִישְׁט עֶסְן וֶועל אִיךְ פַארְצֵיילְן פַאר מֶענְטְשְׁן דֶער סוֹד אַז דֶער רֶבִּי פַּאסְט!", דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן וַוייטֶער אָנְגֶעהַאלְטְן מִיט זַיינֶע תַּעֲנִיתִים.

אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע גֶעפִינְט זִיךְ יֶעצְט דֶער רֶבִּי, עֶר לִיגְט אִין בֶּעט כִּמְעַט פַּאר׳חַלְשׁ׳ט, עֶס גֵייט אִים אַרוֹיס בְּלוּט פוּן זַיינֶע אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן אוּן פוּן זַיין הֵיילִיג מוֹיל. דֶער רֶבִּי הַאלְט שׁוֹין נָאכְן פַּאסְטְן אַפָּאר טֶעג אִין אֵיין צִי. ר׳ חַייקְל קוּמְט אַרַיין צוּם רֶבִּי׳ן אוּן זֶעט דֶעם גַאנְצְן מַצָּב וָואס דָא גֵייט פָאר, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פַאר׳ן רֶבִּי׳נְס לֶעבְּן, עֶר בֶּעט זִיךְ צוּם רֶבִּי׳ן: "הֵיילִיגֶער רֶבִּי, זַייט עֶפֶּעס טוֹעֶם! אֶפְשָׁר וִויל דֶער רֶבִּי עֶפֶּעס טְרִינְקֶען? רֶבִּי! אִיר זֶענְט אִין אַ סַכָּנָה צוּשְׁטַאנְד!" אָבֶּער דֶער רֶבִּי הַאלְט זִיךְ בַּיי דָאס זַיינִיגֶע, עֶר וִויל נִישְׁט בְּשׁוּם אוֹפָן אָפְּשְׁטֶעלְן זַיין תַּעֲנִית!

"אִיךְ וֶועל אוֹיסְזָאגְן פַאר מֶענְטְשְׁן אַז דֶער רֶבִּי פַּאסְט!" רוּפְט זִיךְ ר׳ חַייקְל אָן. דֶער רֶבִּי עֶנְטְפֶערְט אִים: "חַייקְל, גֵיי שֶׁעכְט אַן עוֹף אוּן גְרֵייט אָן אַבִּיסְל יוֹיךְ, אִיךְ זָאל קֶענֶען עֶסְן גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב"; ר׳ חַייקְל אִיז גֶעלָאפְן מִיט פְרֵייד מִיטְן הִינְדְל צוּם שׁוֹחֵט. נָאכְן שֶׁעכְטְן הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעפְלִיקְט דִי פְלִיגְלֶען אוּן אָפְּגֶעקָאכְט אַ פֵיינֶע נַארְהַאפְטִיגֶע זוּפּ.

נָאךְ מַעֲרִיב וֶוען ר׳ חַייקְל קוּמְט אַרַיין צוּם רֶבִּי׳ן אוּן דֶערְלַאנְגְט אִים דָאס טֶעלֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֵייגְט אַרוֹיף אֵיין פִיס אוֹיפְן בֶּענְקְל, דִי צְוֵוייטֶע פוּס אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: "חַייקְל זִינְג מִיר דֶעם פְרוּמֶער נִיגוּן" – דָאס אִיז דֶער בַּאוואוּסְטֶער נִיגוּן וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ זִינְגֶען שַׁבָּת אוֹיף דִי וֶוערְטֶער 'מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא'. אוֹיפְן רֶבִּי׳נְס בַּאפֶעל הֵייבְּט ר׳ חַייקְל אָן – מִיט זַיין זִיסֶע שְׁטִימֶע – זִינְגֶען

המשך קומענדיגער בלאט

דֶעם נִיגוּן, וֶוען דֶער רֶבִּי גֵייט אַרַיין אִין אַ דְּבֵקוּת. וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם נִיגוּן ווַייזְט אִים דֶער רֶבִּי מִיט דִי הַאנְט, עֶר זָאל ווִידֶער אָנְהֵייבְּן דֶעם נִיגוּן, ר' חַייקְל הָארְכְט עֶר זִינְגְט נָאכְאַמָאל, אַזוֹי הָאט זִיךְ דָאס אָפְּגֶעשְׁפִּילְט עֶטְלִיכֶע מָאל אוּן ר' חַייקְל זִינְגְט דֶער נִיגוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט שְׁטֵייעֶנְדִיג נֶעבְּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעקָאסְט פוּנֶעם עֶסְן...

נָאךְ לַאנְגֶע שָׁעָה'ן רוּפְט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָן צוּ ר' חַייקְל "אִיצְטֶער גֵיי אַרוֹיס, זֶע וואוּ דִי נַאכְט הַאלְט", ר' חַייקְל גֵייט אַרוֹיס אוּן זֶעט אַז עֶס אִיז שׁוֹין דֶער עֲלוֹת הַשַּׁחַר, דִי זוּפּ אִיז שׁוֹין לַאנְג אוֹיסְגֶעקִילְט...

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעקֶענְט ווַייטֶער אָנְהַאלְטְן זַיין הֵיילִיגֶער מִנְהָג אוּן ווַייטֶער גֶעפַאסְט בִּיזְן קוּמֶענְדִיגְן שַׁבָּת.

דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶעזָאגְט פַאר ר' חַייקְל: "פַארְוָואס אִיז דָאס מָאל גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁוֶוער דָאס פַאסְטְן? ווַייל עֶמִיצֶער אִיז גֶעווָאוִיר גֶעוָורְן, אֵיינֶער הָאט זִיךְ דֶערְוואוּסְט", דֶערִיבֶּער אִיז דֶער רֶבִּי דַאסְמָאל גֶעוֶוען אִין אַ סַכָּנָה. גֶעוֶוענְלִיךְ פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי זִיךְ פִירְן בַּאשֵׁיידְן בְּהֶצְנֵעַ לֶכֶת, עֶס הָאט גֶעקֶענְט אַרִיבֶּער גֵיין גַאנְצֶע וָואכְן אוּן קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְווִיסְן, אָבֶּער ווִיבַּאלְד יֶעצְט הָאט מֶען זִיךְ יָא דֶערְוואוּסְט, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין אַ סַכָּנָה.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר ר' חַייקְל: "אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט זַיין אַ מְקַבֵּל – זָאלְסְט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ נְדָבוֹת פוּן אַנְדֶערֶע. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פָארְן מִיט מִיר קַיין בְּרֶסְלֶב, וֶועסְטוּ זַיין אַ חִידוּשׁ אִין דַיין זַאךְ – אַזוֹי ווִי אִיךְ אִין מַיין זַאךְ". דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז ר' חַייקְל זָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן אָנְנֶעמֶען דֶעם חַזָּנוּת פָּאסְטְן, דָאס זָאל זַיין אַ פַּרְנָסָה פַאר אִים, אַז מֶענְטְשְׁן וֶועלְן אִים שְׁטִיצְן, וֶוען עֶר וֶועט זַיי זִינְגֶען חַזָּנוּת שְׁטִיקְלֶעךְ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מַמְשִׁיךְ זַיין פַאר ר' חַייקְל אַ כֹּחַ הַנְּגִינָה פוּן גָאר אַ הוֹיכְן שׁוֹרֶשׁ.

ר' חַייקְל אִיז אָבֶער גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, עֶס הָאט אִים נִישְׁט גֶעפַּאסְט צוּ זַיין אָנְגֶעווִיזְן אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְנֶעמֶען דָאס חַזָּנוּת פַאר זַיין בַּאשְׁטִימְטֶע פַּרְנָסָה, הָאט עֶר מִיט זַיין הַאנְט אַוֶועקְגֶעמַאכְט דֶעם רֶבִּי'נְס פָארְשְׁלָאג.

"דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט זַיין דֶער חִידוּשׁ, מֶען וֶועט דִיר רוּפְן 'חַייקְל'" הָאט דֶער רֶבִּי אִים מוֹדִיעַ גֶעוֶוען, ווִיבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּהֶערְן צוּם רֶבִּי'ן הָאט אִים דֶער גֶעזָאגְט אַז מֶען וֶועט אִים רוּפְן נָאר מִיט זַיין נָאמֶען 'חַייקְל', אָן אַ טִיטוּל 'רֶבִּי' פַאר זַיין נָאמֶען.

הדפסת הגליון נתנדב ע"י
ר' אברהם וועבערמאן הי"ו
לרגל הולדת בנו בכורו למזל טוב

הדפסת הגליון נתנדב ע"י
ר' אלימלך רוזנוי הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

הדפסת הגליון נתנדב ע"י
ר' צבי לודמיר הי"ו
לרגל הכנסת בנו אברהם לעול התורה והמצוות

הדפסת הגליון נתנדב ע"י
ר' יחיאל הכהן רובין הי"ו לרגל
הולדת בנו למזל טוב

קומט אים אָן זייער שווער, און אויך בגשמיות איז מיין חבר געבענטשט געוואָרן מיט אַ רייכע שטוב, און מיין כּתּה האָב איך נאָך חברים וואָס אַלעס איז זיי לעכטיג, אַלעס גייט זיי גוט, מיט-דעם-אַלעם זאָגט ר' נתן: "פאַל נישט אַראָפּ ביי דיר, זיי שטענדיג פריילך אַזוי ווי דער תּם! וואָס האָט געשפּירט אין זיין ברויט אַלע טעמים!" זיין שוכעלע וואָס ער האָט געענדיגט מיט אַזויפיל האָראַוואַנייע, עס איז אויסגעקומען זייער קרום אָבער ביים תּם איז עס געווען זייער טייער און ער האָט זיך זייער באַרימט מיט דעם, ער האָט נישט געקוקט אויף אַנדערע, ווייל דאָס איז מיין מעשה און דאָס איז יענעמס מעשה, אַזוי ווי דער רבי האָט אַליינס געזאָגט ביי די מעשה, "אַז אַ שוכעלע מיינט דאָס דאַווענען אַז אֲפילו עס האָט אַזאַ פּנים דאַרף מען זייער פריילך זיין דערמיט."

לאָמיר גיין בתמימות מיט די הייליגע מעשה און מיט די עצות און זיין שטענדיג פריילך און נישט קוקן אויף די חברים  וואָס שטייגן אַזוי שטאַרק, וועל איך אָבער זיך פריילך מיט יעדע קליינע נקודה וואָס איך פאַרדין.

עשו הרשע איז געגאַנגען נאָר מיט חכמות, ער האָט געזאָגט: "ווער קען דינען דעם אויבערשטן?! נאָר איינציגע מענטשן קענען דינען דעם אויבערשטן, נאָר יחידי סגולה וואָס פאַרשטייען און קענען גיין הויכע מדרגות", דאָס איז שקר!! יעדער איינציגער איד קען דינען דעם אויבערשטן לויט זיין דרגה און בעקר מיט תמימות און פשיטות אַזוי ווי דער רבי זאָגט אין זיינע תורות: "דער עיקר איז צו זיין אַ תּם וישר, נישט לעבן מיט חכמות און חקירות", נישט לעבן מיט חומרות יתרות אַזוי ווי עשו, ווי רש"י ברענגט אַז ער פרעגט זיין טאַטן: "טאַטע, ווי קען מען מעשר'ן זאַלץ?! ווי קען מען מעשר'ן שטרוי?!" דאָס איז איבעריגע חומרות וואָס דער רבי האָט זייער נישט געוואָלט, אַזוי ווי דער רבי זאָגט אין  תורה מ"ד חלק שני: "אַ גרויסע כּלל אין עבודת השם איז צו זיין אַ תּם און אַ גלייכער מענטש, דינען דעם אויבערשטן מיט תמימות, אָן קיין שום חכמות און חקירות בכלל, און אפילו חכמות אין עבודת ה' זאָל מען זייער אַכטונג געבן ווען אַ מענטש טראַכט אַלע סאָרטן איבערגעטראַכטע געדאַנקען, ער איז מדקדק צו ער האָט יוצא געווען אין עבודת ה' צו נישט, דאָס אַלעס איז דמיונות, שטותים און בלבולים, ווייל אַ מענטש וואָס איז געמאַכט פון פלייש און ביין קען נישט טון עבודת ה' אינגאַנצן. די גמרא זאָגט אַז די תורה איז נישט געגעבן געוואָרן פאַר מלאכים, די אַלע מענטשן וואָס דרייען זיך אַרום מיט חומרות און מרה שחורה אויף זיי זאָגט דער פסוק, "וחי בהם זאָגן חז"ל ולא שימות בהם," די תורה איז געגעבן געוואָרן צום לעבן און נישט צו שטאַרבן! די תורה און מצות דאַרף אונז מאַכן לעבן נישט פאַרקערט!

דער רבי פירט אויס: "אפילו ווער עס קען יאָ די חכמות באמת, דאַרף ער אַלעס אַוועקוואַרפן און דינען השם יתברך מיט תמימות און פשיטות גמור אָן חכמות. דאָס איז די גרעסטע חכמות פון אַלע חכמות, "נישט צו זיין קיין חכם!!" ווייל דער אויבערשטער וויל די האַרץ פון'ם איד.

זאָל דער אויבערשטער העלפן אַז מיר זאָלן זיך צו באַהעפטן צו די מדה פון יעקב אבינו, לעבן מיט תמימות און פשיטות, זיך פרייען מיט די מצוות, פרייען מיט אונזערע נקודות טובות און רעדן פון דעם, וועלן מיר האָבן אַ גוטע אמת'ע לעבן.




## ~ דִי צֶענְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

# דער בערגער און דער ארימאן 6

**און זֵיי הָאבִּין דָארְט גִישְׁפִּילְט אוֹיף כְּלֵי שִׁיר.** וָוארִין זֵיי אַלֶע הָאבִּין גִיקֶענְט שְׁפִּילִין. וָוארִין דֶער אִיז אַ קֵיסֶר. און אַזוֹי זֵיי הָאבִּין אוֹיךְ גִיקֶענְט שְׁפִּילִין.

**און עֶר דְהַיינוּ דֶער בָּחוּר.** עֶר אִיז גִיוֶוען דֶער בֶּרְיָה צְוִוישְׁן זֵיי. וָוארִין עֶר אִיז שׁוֹין דָארְט גִיוֶוען פוּן לַאנְג. און עֶר פְלֶעגְט זֵיי צוּ בְּרֶענְגֶען פְלֵייש הָאבִּין זֵיי גִיגֶעסִין. און זֵיי פְלֶעגִין דָארְט בְּרֶענֶען הָאלְץ וָואס סֶע אִיז טַייעֶרְרֶער גִיוֶוען פוּן גָאלְד אִין יִישׁוּב.

**פְלֶעגְט זֵיי דֶער בָּחוּר צוּ דְרִינְגֶען** אַז דָא אִיז גוּט אִיבֶּער צוּ לֶעבִּין דִי יָארִין. וֶועדְלִיג דָאס גוּטְץ וָואס מֶענְטְשִׁין הָאבִּין אוֹיף דֶער וֶועלְט אִין יִישׁוּב. אִיז בֶּעסֶער אַז מֶען זָאל דָא זִיצִין. **מֶען זָאל דָא אִיבֶּער לֶעבִּין דִי וֶועלְט.**

**הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט.** וָואס פַאר אַ גוּטְץ הָאסְטוּ דֶען גִיהַאט אַז דוּ זָאגְסְט אַז דָא אִיז פַאר דִיר בֶּעסֶער. **הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶּערְט.** און הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט. **וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן וִוי עֶר אִיז גִיוֶוען אַ בֶּערְגִירְס זוּן** וְכוּ׳ בִּיז עֶר אִיז אַהֶער גִיקוּמֶען **און וָואס אִיז אִים דְרוֹיס גִיקוּמֶען** וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַ בֶּערְגִירְס זוּן. **עֶר הָאט גִיהַאט כָּל טוּב.** דָא הָאט עֶר אוֹיךְ **כָּל טוּב.** (אַזוֹי הָאט דֶער בָּחוּר אַלְץ צוּ זֵיי גִיזָאגְט) **און עֶר הָאט זֵיי גִידְרוּנְגֶען אַלְץ אַז דָא אִיז גוּט אִיבֶּער צוּ לֶעבִּין דִי וֶועלְט.**

**הָאט אִים דֶער קֵיסֶר גִיפְרֶעגְט.** הָאסְטוּ גִיהֶערְט פוּן דֶעם **קֵיסֶר.** הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶּערְט עֶר הָאט גִיהֶערְט. הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיף **דֶעם יְפַת תּוֹאַר.** אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אִיר. הָאט עֶר אִים אוֹיךְ גִיעֶנְפֶּערְט. יוֹא.

**הָאט דֶער בָּחוּר אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ רֵיידִין מִיט כַּעַס** און הָאט גִיזָאגְט. **דֶער רוֹצֵחַ.** (אַזוֹי וִוי אֵיינֶער קְרִיצְט מִיט דִי צֵיין אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין אַזוֹי הָאט דֶער בָּחוּר גִיזָאגְט מִיט כַּעַס אוֹיף דֶעם קֵיסֶר וָואס זֵי הָאבִּין פוּן אִים גְשְׁמוּסְט. וָוארִין עֶר הָאט נִיט גִיווּאוּסְט אַז דֶער קֵיסֶר ״יין שְׁמוּסְט מִיט אִים)

**הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט.** פַארְוָואס אִיז עֶר אַ רוֹצֵחַ. הָאט עֶ. אִים גִיעֶנְפֶּערְט. אִיבֶּער זַיין אַכְזָרִיּוֹת און אִיבֶּער זַיין גַסוּת בִּין אִיךְ אַהֶער גִיקוּמֶען. הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט. וִוי אַזוֹי אִיז דָאס גִיוֶוען.

**הָאט זִיךְ דֶער בָּחוּר מְיַישֵׁב גִיוֶוען.** דָא הָאט עֶר זִיךְ פַאר קֵיינֶעם קֵיין מוֹרָא נִיט צוּ הָאבִּין. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט און הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן.

**הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט.** אַז דֶער קֵיסֶר זָאל דִיר קוּמֶען אִין דֶער הַאנְט אַרַיין **וָואלְסְטוּ זִיךְ אִין אִים הַיינְט נוֹקֵם גִיוֶוען. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶּערְט נֵיין** (וָוארְן עֶר אִיז גִיוֶוען אֵיין גוּטֶער אֵיין רַחְמָן) **אַדְרַבָּא אִיךְ וָואלְט אִים אַזוֹי מְפַרְנֵס גִיוֶוען.** וִוי אִיךְ בִּין דִיךְ מְפַרְנֵס.

**הָאט וִוידֶער דֶער קֵיסֶר אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ זִיפְצְן** און צוּ קְרֶעכְצִין. און הָאט גִיזָאגְט. וָואס פַאר אֵיין שְׁלֶעכְטֶע און אֵיין בִּיטֶערֶע עֶלְטֶער דֶער קֵיסֶר הָאט. וָוארִין עֶר הָאט גִיהֶערְט אַז דִי טָאכְטֶער זַיינֶע דִי יְפַת תּוֹאַר אִיז פַארְפַאלִין גִיוָוארִין. **און עֶר אַלֵיין אִיז פַארְשִׁיקְט גִיוָוארִין** הָאט זִיךְ וִוידֶער דֶער בָּחוּר אָנְגִירוּפִין. **אִיבֶּער זַיין אַכְזָרִיּוֹת** (כְּלוֹמַר אוּם דֶער בַּארִימְקֵייט) **און אִיבֶּער זַיין גַדְלוּת.** הָאט עֶר זִיךְ אוֹיס גִיבְּרַאכְט און זַיין טָאכְטֶער. און אִיךְ בִּין אַהֶער פַארְוָוארְפִין גִיוָוארִין. אַלְץ אִיבֶּער אִים.

**הָאט עֶר אִים וִוידֶער גִיפְרֶעגְט** (דֶער קֵיסֶר צוּ דֶעם בָּחוּר) אַז עֶר זָאל דִיר קוּמֶען אִין דֶער הַאנְט אַרַיין. וָואלְסְטוּ זִיךְ אִין אִים נוֹקֵם גִיוֶוען עֶנְפֶּערְט עֶר אִים נֵיין. **אִיךְ וָואלְט אִים אַזוֹי מְפַרְנֵס גִיוֶוען** פוּנְקְט אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין דִיךְ מְפַרְנֵס.

**הָאט זִיךְ דֶער קֵיסֶר דֶערְקֶענְט צוּ אִים.** און הָאט אִים מוֹדִיעַ גִיוֶוען **אַז עֶר אִיז דָאס אַלֵיין דֶער קֵיסֶר.** און וָואס סֶע הָאט זִיךְ

מִיט אִים אִיבֶּער גִיטָאן. אִיז דֶער בָּחוּר אוֹיף אִים אַנִידֶער גִיפַאלִין אוּן הָאט אִים גִיקוּשְׁט אוּן גִיהַאלְצְט.

**אוּן זִי** (דְהַיינוּ דִי יְפַת תּוֹאַר וָואס זִי אִיז דָא אוֹיךְ גִיוֶוען. נָאר פַארְשְׁטֶעלְט כַּנַ"ל) הֶערְט דָאס אַלְץ **וִוי דִי בֵּיידֶע שְׁמוּסְין אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערְין.**

**אוּן דֶער בָּחוּר** אִיז זַיין סֵדֶר גִיוֶוען. עֶר פְלֶעגְט אַלֶע טָאג גֵיין. אוּן הָאט זִיךְ אֵיין סִימָן גִימַאכְט **אִין דְרַיי בֵּיימֶער.** אוּן הָאט דָארְט גִיזוּכְט **דָאס כְּתַב.** וָוארִין סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען אַלְפֵי אַלָפִים בֵּיימֶער.

**פְלֶעגְט עֶר זִיךְ מַאכִין אֵיין סִימָן** אִין דְרַיי בֵּיימֶער. וָואס עֶר הָאט גִיזוּכְט. כְּדֵי עֶר זָאל שׁוֹין מָארְגִין נִיט בַּאדַארְפִין זוּכִין אִין דִי דְרַיי בֵּיימֶער. אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר טָאן אַלֶע טָאג. טָאמֶער פָּארְט וֶועט עֶר גִיפִינֶען דָאס כְּתַב. (דְהַיינוּ דָאס כְּתַב וָואס זִי הָאט אִים גִישִׁיקְט וָואס סֶע אִיז בַּיי אִים פַארְפַלְין גִיוָוארִין צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער כַּנַ"ל)

**אוּן אַז עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אוּמְקֶערִין** פוּן דָארְט פְלֶעגְט עֶר קוּמֶען מִיט **פַארְוֵויינְטֶע אוֹיגְן.** וָוארִין עֶר פְלֶעגְט וֵויינֶען. אַז עֶר הָאט גִיזוּכְט אוּן הָאט נִישְׁט גִיקֶענְט גִיפִינֶען. הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט (דְהַיינוּ דֶער קֵיסָר מִיט דֶער יְפַת תּוֹאַר) וָואס זוּכְסְטוּ צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער. אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְסְטוּ צוּרִיק מִיט פַארְוֵויינְטֶע אוֹיגְן.

**הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט** דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. בַּאֲשֶׁר דִי בַּת קֵיסָר (דְהַיינוּ דִי יְפַת תּוֹאַר) הָאט אִים גִישִׁיקְט אַ כְּתַב. הָאט עֶר עֶס בַּאהַאלְטִין אִין אֵיין בּוֹים פוּן דִי בֵּיימֶער אִיז גִיקוּמֶען אֵיין שְׁטוּרֶעם ווִינְט וְכוּ' כַּנַ"ל **הַיינְט** זוּכְט עֶר טָאמֶער וֶועט עֶר עֶס גִיפִינֶען.

**הָאבִּין זֵיי צוּ אִים גִיזָאגְט.** מָארְגִין אַז דוּ וֶועסְט גֵיין זוּכִין וֶועלִין מִיר מִיט דִיר אוֹיךְ גֵיין. **טָאמֶער וֶועלִין מִיר גִיפִינֶען דָאס כְּתַב.** אִיז אַזוֹי גִיוֶוען. **זֶענֶען זֵיי מִיט אִים אוֹיךְ גִיגַאנְגֶען.**

**הָאט דִי בַּת קֵיסָר** גִיפוּנֶען דָאס כְּתַב אִין אֵיין בּוֹים. אוּן זִי הָאט עֶס אוֹיף גִיעֶפִינְט. הָאט זִי גִיזֶעהְן. אַז דָאס אִיז אִיר **אֵייגִין כְּתַב פוּן אִיר הַאנְט.**

**הָאט זִי זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען.** אַז זִי וֶועט אִים תֵּיכֶף אוֹיס זָאגְין. אַז זִי אִיז דָאס אַלֵיין. אַז זִי וֶועט זִיךְ ווִידֶער אוֹיסְטָאן דִי קְלֵיידֶער. אוּן וֶועט זִיךְ ווִידֶער אוּמְקֶערִין צוּ אִיר שֵׁיינְקֵייט. אוּן זִי וֶועט ווִידֶער זַיין אַ יְפַת תּוֹאַר אַזוֹי ווִי פְרִיר. קָאן עֶר זִיךְ אַנִידֶער פַאלְן אוּן אוֹיס גֵיין. אוּן זִי ווִיל סֶע זָאל זַיין בְּכַשְׁרוּת כְּדַת (כְּלוֹמֶר נֶעמֶען קָאן זִי אִים דָא נִיט אִין דֶער מִדְבָּר וָוארִין זִי בַּאדַארְף מִיט אִים חַתּוּנָה הָאבִּין אַזוֹי ווִי סֶע קֶער צוּ זַיין)

**אִיז זִי גִיגַאנְגֶען.** אוּן הָאט אִים אוּמְגִיקֶערְט **דָאס כְּתַב** אוּן זִי הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט אַז זִי הָאט גִיפוּנֶען דָאס כְּתַב. (כְּלוֹמֶר דָאס הָאט זִי אִים נָאךְ נִיט אוֹיס גִיזָאגְט אַז זִי אִיז דָאס אַלֵיין נָאר זִי הָאט אִים סְתָּם גִיזָאגְט אַז זִי הָאט דָאס כְּתַב גִיפוּנֶען)

**אִיז עֶר תֵּיכֶף אַנִידֶער גִיפַאלִין אוּן אִיז גִיבְּלִיבְּן חַלָשׁוֹת. הָאבִּין זֵיי אִים דֶערְמִינְטֶערְט.** אִיז צְווִישְׁן זֵיי גִיוֶוען **אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.**

**דֶערְנָאךְ הָאט דֶער בָּחוּר גִיזָאגְט.** וָואס טוֹיג מִיר דָאס כְּתַב ווִי וֶועל אִיךְ זִי שׁוֹין קָאנֶען גִיפִינֶען. זִי אִיז זִיךְ הַיינְט אַ וַודַאי עֶרְגֶעץ בַּיי עֶפֶּעס אַ מֶלֶךְ. (וָוארִין עֶר הָאט גִימֵיינְט אַז זִי אִיז פַארְקוּיפְט גִיוָוארִין דוּרְךְ דֶעם רוֹצֵחַ אַזוֹי ווִי דֶער קֵיסָר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט) נָאךְ וָואס טוֹיג מִיר דָאס. **אִיךְ וֶועל מִיר דָא אִיבֶּער לֶעבִּין מַיינֶע יָארִין.** אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אִיר אוּמְגִיקֶערְט דָאס כְּתַב. אוּן הָאט צוּ אִיר גִיזָאגְט נַא דִיר דָאס כְּתַב וֶועסְטוּ גֵיין אוּן וֶועסְט זִי נֶעמֶען. (וָוארִין זִי אִיז זִיךְ גִיוֶוען פַארְשְׁטֶעלְט ווִי אֵיין זָכָר)

**הָאט זִי זִיךְ גִילָאזְט** גֵיין אוּן הָאט אִים גִיבֶּעטִין אַז עֶר זָאל אוֹיךְ מִיט אִיר גֵיין. וָוארִין אִיךְ וֶועל זִי בְּוַודַאי נֶעמֶען. וֶועט זִיךְ מִיר גוּט זַיין. וֶועל אִיךְ דִיר אוֹיךְ אֵיין חֵלֶק גִיבִּין פוּן מַיין גוּטְץ (כְּלוֹמֶר דִי בַּת קֵיסָר וָואס זִי אִיז גִיוֶוען פַארְשְׁטֶעלְט ווִי אֵיין זָכָר הָאט עֶס אַזוֹי גִיזָאגְט צוּ דֶעם בָּחוּר)

**אוּן דֶער בָּחוּר הָאט גִיזֶעהְן** אַז דֶער אִיז אַ חָכָם אוּן עֶר וֶועט זִי בְּוַודַאי נֶעמֶען. אִיז עֶר מְרוּצֶה גִיוָוארִין מִיט אִים צוּ גֵיין. (דְהַיינוּ מִיט דֶער בַּת קֵיסָר וָואס עֶר הָאט גִימֵיינְט אַז זִי אִיז אֵיין זָכָר) **אוּן דֶער קֵיסָר אִיז גִיבְּלִיבְּן אַלֵיין.** וָוארִין עֶר הָאט מוֹרָא גִיהַאט זִיךְ אוּם צוּ קֶערִין. אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין.

**הָאט זִי אִים גִיבֶּעטִין.** אַז עֶר זָאל אוֹיךְ גֵיין וָוארִין עֶר וֶועט זִיךְ בְּוַודְאַי נֶעמֶען דִי יְפַת תּוֹאַר. הָאסְטוּ זִיךְ שׁוֹין קֵיין מוֹרָא נִיט צוּ הָאבִּין (כְּלוֹמֶר זִי הָאט אִים גִיזָאגְט אִיךְ וֶועל זִיךְ בְּוַודְאַי אָפְּזוּכְן דִי יְפַת תּוֹאַר הָאסְטוּ שׁוֹין קֵיין מוֹרָא נִיט צוּ הָאבִּין. וָוארִין דָאס מַזָל וֶועט זִיךְ אוּמְקֶערִין אַז מֶען וֶועט זִי גִיפִינֶען) אוּן מֶען וֶועט דִיךְ אוֹיךְ הֵייסִין אוּם קֶערִין.

**זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען דִי אַלֶע דְרַיי אִין אֵיינֶעם.** אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִידוּנְגֶען אַ שִׁיף אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ דֶער מְדִינָה. וואוּ דִי קֵיסֶרְ'טִי זִיצְט. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ דֶער שְׁטָאט וואוּ זִי זִיצְט דָארְטִין.

**אוּן זֵי הָאבִּין אַנִידֶער גִישְׁטֶעלְט דִי שִׁיף** הָאט זִיךְ דִי בַּת קֵיסֶר מְיַישֵׁב גִיוֶועןְ. אַז זִי וֶועט תֵּיכֶף אוֹיס זָאגִין דֶער מוּטֶער. אַז זִי אִיז גִיקוּמֶען. קָאן זִי אוֹיסְגֵיין. אִיז זִי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִישִׁיקְט צוּ דֶער מוּטֶער. בַּאֲשֶׁר סֶע גִיפִינְט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ. וָואס עֶר הָאט אֵיין יְדִיעָה פוּן אִיר טָאכְטֶער.

**דֶערְנָאךְ אִיז זִי אַלֵיין גִיגַאנְגֶען** צוּ דֶער קֵיסֶרְ'טִי אוּן הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט. וָואס סֶע הָאט זִיךְ אִיבֶּער **גֶעטָאן מִיט אִיר טָאכְטֶער.** אוּן הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. אוּן צוּם סוֹף הָאט זִי אִיר גִיזָאגְט (מִיט דֶעם לָשׁוֹן).

**אוּן זִי** (דְהַיינוּ דִי טָאכְטֶער) **אִיז אוֹיךְ דָא. דֶערְנָאךְ** הָאט זִי אִיר **גִיזָאגְט דֶעם אֶמֶת. אִיךְ בִּין דָאס אַלֵיין.** אוּן זִי הָאט אִיר מוֹדִיעַ גִיוֶועןְ. **אַז אִיר חָתָן דְהַיינוּ דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן אִיז אוֹיךְ דָא.**

**נָאר זִי הָאט גִיזָאגְט צוּ דֶער מוּטֶער.** אַז זִי וִויל אַנְדֶערְשׁ נִיט. נָאר אַז מֶען זָאל אוּמְקֶערִין קְרִיק אִיר פָּאטֶער דֶעם קֵיסֶר אוֹיף זַיין אָרְט. אוּן דִי מוּטֶער הָאט דָאס גָאר נִיט גִיוָואלְט. וָוארִין זִי אִיז אוֹיף אִים זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גִיוֶועןְ. וַוייל אִיבֶּער אִים אִיז דָאס אַלְץ גִיוֶועןְ נָאר זִי הָאט גִימוּזְט צוּלִיבּ טָאן דָאס אִיר טָאכְטֶער.

**הָאט מֶען גִיוָואלְט אִים אוּמְקֶערִין** (דְהַיינוּ דֶעם קֵיסֶר) הָאט מֶען גִיזוּכְט דֶעם קֵיסֶר. אוּן עֶר אִיז גָאר נִיט דָא. הָאט אִיר דִי טָאכְטֶער אוֹיס גִיזָאגְט **אַז דֶער קֵיסֶר אִיז אוֹיךְ דָא מִיט זֵיי.**

**אִיז גִיוֶועןְ דִי חַתוּנָה. אוּן דִי שִׂמְחָה אִיז אִין גַאנְצִין.**

**אוּן דִי מְלוּכָה** אוּן דָאס קֵיסָרִית הָאבִּין זֵיי אָפְּגִינוּמֶען. דְהַיינוּ דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן מִיט דֶער יְפַת תּוֹאַר וָואס זֵיי הָאבִּין חַתוּנָה גִיהַאט. **אוּן זֵיי הָאבִּין מוֹלֵךְ בְּכִיפָּה גִיוֶועןְ. דְהַיינוּ זֵיי הָאבְּן גִיקִינִיגְט אִיבֶּער גָאר דֶער וֶועלְט. אָמֵן וְאָמֵן.**

**דֶערְנָאךְ הָאט אוֹיךְ דֶער אַלְטֶער קֵיסֶר קֵיין גְדוּלָה נִיט גִיהַאט וָוארִין סֶע אִיז אַלְץ אִיבֶּער אִים גִיוֶועןְ:**

**דֶער בֶּערְגֶער הָאט גִיהַאט גְרוֹיס גְדוּלָה עֶר אִיז דֶעם קֵיסֶרְ'ס פָּאטֶער וָואס עֶר אִיז דֶער עִיקָר:**

**דֶעם מַאטְרָאס הָאט מֶען אָן גִיפַּאטְשְׁט אָן גִיפַּאטְשְׁט אוּן מֶען הָאט אִים אַרוֹיס גִישְׁטוּפְּט.**

בַּיי לוֹט שְׁטֵייט הָהָרָה הִמָלֵט דָאס אִיז אַ בֶּערְגִיר. אוּן פוּן אִים קוּמְט אַרוֹיס מָשִׁיחַ:

יוּדִין הָאבִּין אִין מִצְרַיִם גִיהַאט סִימָנִים וֶוער דֶער גוֹאֵל וֶועט זַיין וְכוּ' אוּן אוֹיף דֶעם גוֹאֵל וָואס סֶע וֶועט קוּמֶען אִיז בְּוַודַאי אוֹיךְ דָא סִימָנִים.

**מָשִׁיחַ וֶועט זָאגִין אִיטְלִיכְן יוּדִין וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן אִיטְלִיכְן טָאג:**

תָּמָר הָאט אוֹיךְ פַּארְלוֹירִין דִי סִימָנִים. אַזוֹי וִוי אִין מֶדְרָשׁ שְׁטֵייט. אוּן אַז מֶען הָאט זִי גִיוָואלְט פַּארְבְּרֶענֶען אִיז גִיקוּמֶען דֶער ס"מ אוּן הָאט פוּן אִיר דֶערְוַוייטֶערְט דִי סִימָנִים. אוּן דֶער מַלְאַךְ גַבְרִיאֵל אִיז גִיקוּמֶען אוּן הָאט זֵיי צוּ אִיר אָפּ גִיבְּרַאכְט. אַזוֹי וִוי אִין מֶדְרָשׁ שְׁטֵייט אוּן פוּן אִיר קוּמְט אַרוֹיס מָשִׁיחַ. בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

**דָאס הָאט אַלְץ דֶער רֶבִּי זַ"ל גִשְׁמוּסְט נָאךְ דֶער מַעֲשֶׂה** כְּדֵי מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען עֶפֶּעס שְׁטוֹיסִין וִוי וַוייט דִי מַעֲשֶׂה דֶערְלַאנְגְט. אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ וִויסִין דֶעם סוֹד פוּן דִי מַעֲשִׂיוֹת אַפִילוּ אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**דָאס וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶער מַעֲשֶׂה וִוי אִיטְלִיכֶער קוּמְט מִיט זַיין שִׁיר.** אוּן אַ טֵייל עֶנְפֶּערְט מֶען דוֹרְךְ אֵיין שְׁלִיחַ וְכוּ' כַּנַ"ל. אַזוֹי אִיז פַּאר הַאנְדִין כַּמָה גְרוֹיסֶע לַייט.

וָואס אִטְלִיכֶער טוּט וָואס עֶר טוּט. אוּן אִיטְלִיכֶער פָּארִיט זִיךְ אוּן וִויל דֶערְלַאנְגֶען **דֶעם רֶעכְטְן תַּכְלִית.** אוּן קֵיינֶער אִיז נִיט זוֹכֶה צוּם רֶעכְטֶען תַּכְלִית צוּם אֶמֶת. נָאר דֶער וָואס עֶר אִיז רָאוּי דֶערְצוּ. אוּן אַ טֵייל עֶנְפֶּערְט מֶען דוֹרְךְ אֵיין שְׁלִיחַ. אָדֶער פוּן אוּנְטֶער דֶער וַואנְט. אָדֶער מֶען וַוייזְט זֵיי אַרוֹיס דָאס פָּנִים וְכוּ' אַזוֹי וִוי אִין דֶער מַעֲשֶׂה שְׁטֵייט. נָאר צוּם סוֹף אַז זֵיי גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט. עֶנְפֶּערְט מֶען זֵיי. אַז זֵיי הָאבִּין נָאךְ גָאר נִיט גִיטָאן.

אַזוֹי וִוי אִין דֶער מַעֲשֶׂה שְׁטֵייט וִוי דִי יְפַת תּוֹאַר הָאט צוּם סוֹף זֵיי גִיעֶנְפֶּערְט דִי וַואסֶערִין זֶענֶען אָבֶּער אִיבֶּער דִיר נָאךְ נִיט אַרִיבֶּער גִיגַאנְגֶען. **בִּיז סֶע וֶועט קוּמֶען דֶער רֶעכְטֶער מַנְהִיג בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.** דָאס הָאט אוֹיךְ דֶער רֶבִּי זַ"ל גִישְׁמוּסְט.



דער געווינער פון "גאר מיין זאך איז תפלה"
צייטליך שבת אינדערפרי פרשת חיי שרה
ביים דאווענען איז
# הילד החשוב
# שמואל שפירא, בית שמש



# בחינה אויף ספורי מעשיות
## די צענטע מעשה (6) (סוף) - פונעם בערגיר מיטן ארימאן

**א. וואס האבן געטון אין מדבר דער קעניג און די בת קיסר און דער זוהן פון בערגיר?**
- ❑ געשפילט אויף כלי שיר
- ❑ זיך געפרייעט און געטאנצט
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וועלכע האלץ פלעגן זיי ברענען דארטן?**
- ❑ האלץ וואס איז טייערער פון זילבער אין ישוב
- ❑ האלץ וואס איז טייערער פון דיימאנטן אין ישוב
- ❑ האלץ וואס איז טייערער פון גאלד אין ישוב

**ג. ווער האט זיך דער ערשטער אנטפלעקט (באוויזן) ווער ער איז?**
- ❑ דער קיסר
- ❑ דער זוהן פון בערגיר
- ❑ די טאכטער פון קיסר

**ד. ווער האט זיך דער צווייטער אנטפלעקט (באוויזן) ווער ער איז?**
- ❑ דער קיסר
- ❑ דער זוהן פון בערגיר
- ❑ די טאכטער פון קיסר

**ה. אין וויפיל בוימער האט דער זוהן פון בערגיר יעדן טאג געזוכט די כתב?**
- ❑ אין צוויי
- ❑ אין דריי
- ❑ ער האט נישט געציילט וויפיל

**ו. וואס האט דער זוהן פון בערגיר געטון ווען ער האט נישט געטראפן די כתב?**
- ❑ געוואָרן בעצבוּת
- ❑ געוויינט
- ❑ זיך געשטאָרקט

**ז. ווער האט געטראפן די כתב?**
- ❑ דער קיסר
- ❑ דער זוהן פון בערגיר
- ❑ די טאכטער פון קיסר

**ח. וואס איז געשען מיט דער זוהן פון בערגיר ווען מ'האט געטראפן די כתב?**
- ❑ ער איז געפאלן חלשות
- ❑ ער האט זיך זייער געפריידט
- ❑ ער האט געווינט פון איבער געוומענקייט

**ט. וואס האט דער זוהן פון בערגיר געטון מיט די כתב וואס מ'האט געטראפן?**
- ❑ ער האט עס געגעבן פארן קיסר
- ❑ ער האט עס געהאלטן פאר זיך
- ❑ ער האט עס געגעבן פאר די טאכטער פון קיסר

**י. איז דער קיסר געגאנגען מיט דער זוהן פון בערגיר און די טאכטער פון קיסר?**
- ❑ ער איז געבליבן אליין
- ❑ זיי זענען געגאנגען די אלע דריי אין איינעם
- ❑ ער איז געגאנגען נאך זיי

**יא. צו וועלכע מדינה זענען זיי אנגעקומען?**
- ❑ צו די מדינה וואס דער בערגיר איז דארטן
- ❑ צו די מדינה וואס די קיסרית זיצט דארטן
- ❑ צו די מדינה וואס דער רוצח איז דארטן

**יב. וואס האט די טאכטער פון קיסר געשיקט זאגן פאר איר מאמע?**
- ❑ אז מ'האט געטראפן איר טאכטער
- ❑ אז עס איז דא א מענטש וואס האט איין ידיעה פון איר טאכטער
- ❑ אז עס איז דא א איינער וואס ווייסט וואו די טאכטער איז

**יג. וואס האט די טאכטער פון קיסר אליין דערציילט נאכדעם פאר איר מאמע?**
- ❑ וואס ס'האט זיך געטון מיט איר טאכטער
- ❑ וואס ס'האט זיך געטון מיטן קיסר
- ❑ וואס ס'האט זיך געטון מיטן זוהן פון בערגיר

**יד. ווער האט געהאט גרויס גדולה נאכדעם?**
- ❑ דער קיסר
- ❑ די טאכטער פון קיסר
- ❑ דער בערגיר

**טו. וואס לערנסטו זיך ארויס פון די מעשה?**
- ❑ אז עס איז נישטא קיין יאוש אויף די וועלט
- ❑ אז ביים סוף וועט אלעס ווערן פאראכטן
- ❑ _______________________________.

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72

1-518-329-9149

# דעם רבי'נ'ס דאווענען

## בשורה טובה

## פאר אלע טייערע קינדער

לאור די הצלחה פון לעצטע וואך שבת אינדערפרי, ווען גאר אסאך קינדער האבן זיך מעורר געווען און געקומען צייטליך דאווענען נאך פאר הודו,

זענען מיר ממשיך בעזר השם אויף די וואך

# מיט א שיינע גורל

פאר אלע קינדער וואס הייבן אן דאווענען שבת אינדערפרי פאר הודו.

בילד איז נאר פארצושטעלן

# "גאר מיין זאך איז תפלה"

דער עיקר איז וואס דער הייליגער רבי האט אונז אויסגעלערנט מען

זאל אויף יעדע זאך בעטן פון באשעפער, ווען מיר אויך מתפלל זיין צום באשעפער מען זאל האבן א געשמאק אין דאווענען און זיין צייטליך אלעמאל אין שול, צו קענען מאכן א נחת פארן אויבערשטן.




**צו קענען אריינגיין אין גורל, קלינג אריין נאך שבת אין טעל-ליין 02-5-3333-72 אויף קנעפל זיבן זאג אריין דיין נאמען און טעלעפאן נומער מיט די ווערטער "גאר מיין זאך איז תפלה".**